**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט מער ווי $34 מיליאן געשאנקען דורך רונדע XIII פון די ראיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסול איניציאטיוו**

***דריטע חלק פון ערלויבטע עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט גרענט פאנד שענקונגען נעמט אריין איבער $34 מיליאן צו שטיצן 23 שאוול-גרייטע פראיעקטן***

***פולע ליסטע פון רונדע XIII באקומער קענען ווערן געפונען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז מער ווי $34 מיליאן איז געווארן געשאנקען צו שטיצן 23 פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט דורך די ראיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסול איניציאטיוו. רונדע XIII האט אריינגענומען הויפט קאפיטל גרענטס און שטייער קרעדיטס פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וואס איז געווארן געמאכט אוועילעבל אויף אן אנגייענדע און קאנקורירנדע באזיס צו שטיצן די זאפארטיגע געברויך פון געמיינדעס. פינאנצירונג וועט שטיצן אימפאקטפולע פראיעקטן וואס שטימען איין מיט יעדע רעגיאנאלס סטראטעגישע צילן.

"מיר ברעכן די ערד אויף א נייע עפאכע פון עקאנאמישע דאוועלאפמענט אין ניו יארק סטעיט - איינס וואס איז צענטערירט אויף די אייגנארטיגע אינאוואטיווע שטארקייטן פון אונזערע געמיינדעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך נעמען א פון אונטן ארויף צוגאנג צו סטעיט אינוועסטמענט, מאכן מיר ארבעטספלעצער און שפראצן וואוקס וואס ערוועקט ראיאנען מיטן בויען אויף די טאלאנטן פון ניו יארקערס."

"מיר זעצן פאר אונזער אנשטרענגונג איבער ניו יארק סטעיט צו בויען עקאנאמיעס אין וועגן וואס גיבן צו צו יעדע געמיינדע'ס באזיצונגען," **האט געזאגט דער ליוטענענט גאווערנער אנטאניא דעלגעד, בענקל פון די ריאגאנאלע עקאנאמישע דאוועלאפמענט קאונסילס.** "די פראיעקטן זענען סטראטעגישע שטייגן שטיינער וואס וועלן העלפן פאר יעדע געמיינדע בויען אויף פריערדיגע הצלחות און אויסשטעלן א צוקומפט פאר א ליכטיגערן מארגן."

**עמפייער סטעיט דאוועלאפמענט פרעזידענט, סי אי או און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "ESD איז שטאלץ צו שטיצן די אינוועסטמענטס אין קריטישע לעבן סייענס ריסערטש, ארבעטסקראפט דאוועלאפמענט, היסטארישע אנהאלטונגען, קולטורישע צענטערן און עפארדעבל וואוינונג איבער ניו יארק סטעיט. מיט אונזער ריאגאנעל עקאנאמישע דאוועלאפמענט קאונסילס, וועלכע סטראטעגיש טרעפן געלעגנהייטן פאר זייערע געמיינדעס, פלאנצן מיר די קערלעך פון עקאנאמישע וואוקסביידע יעצט און פארן צוקומפט."

די דריטע רונדע פון עמפייער סטעיט דאוועלאפמענט גרענט פראיעקטן איז געווארן רעקומענדירט דורך יעדע ראיאנאלע קאנסול צוליב די פראיעקט'ס גרייטקייט און שטימונג מיט יעדע ראיאן'ס סטראגעגישע פלאן. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **אינקאר לעבן סייענסעס - אינקאר פארברייטערונגען (צענטראל ניו יארק) - $200,000 מיליאן ESD גרענט, $250,000 מיליאן עקסעלסיור ארבעט טעקס קרעדיט:** אינקאר לעבן סייענס איז א פול-סערוויס קאנטראקט פארש ארגענאזאציע (CRO) וואס אפערירט אין פארשידענע לעבן סייענסעס קעפעסיטיס אריינעמענדיג סערוויסעס אין פראטיען פארשונג און פרוואוואנג, פארמאסאלאגי, קלינישע טריילעס ווי אויך אין הויז דאוועלאפמענט פון עלטער-פארבינדענע טעראפיעס. אלץ א פול-סערוויס CRO, זענען זיי א שליסל קאמפאנענט צו די ראיאנס אינאוועישען עקאסיסטעם. איקאר וועט אויסברייטערן זייער לעפעיעט און פאטסדעם לאקאציע צו א בנין פלאצירט אין א דיסטרעסט קאמיוניטי לענגאויס א ביזנעס קארידאר אין סיירעקיוס, אנאנדאגא קאונטי. די פראיעקט נעמט אריין די איבערבויונג און איבערפרישונג פונעם בנין און די איינקופט און אינסטאלירונג פון עקוויפמענט. די נייע סייט וועט ברענגן אלע פון איקארס סערוויסעס אונטער איין דאך און זיי פלאצירן נענטער צו יעצטיגע און פאטענציאלע פארטנערס, און אין א בעסערע פאזיציע צו אנקומען צו די לאקאלע און ראיאנאלע ארבעטסראפט. די סייט וועט פארנעמען די קאמפאניס פארש און דאוועלאפמענט אקטיוויטעטן און זיין בייאטעק אנהייב עקסעלערעיטער. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 2.8 מיליאן דאלאר**
- **מאנרא קאמיוניטי קאלעדזש - אפטיקס טרענירונג לעב (פינגער לעיקס) - 1.35 מיליאן דאלער ESD גרענט:** מאנרא קאמיוניטי קאלעדזש (MCC) וועט רענאווירן דריי שטובער ביי די בריטאן קאמפעס צו אקאמאדירן פלאץ פאר א נייע אינגאנצן איבערגעגעבענע אפטיקס מייקרא-קרעדענשל שנעל-טרעק טרענירונג לעב די לעב וועט זיין פלאצירט נעבן זייער יעצטיגע אפטיקס עדיוקעישענעל פלאץ און לאזן MCC שנעל-טרעקן סערטיפיקאציע טרענירונג פאר ביז 24 סטודענטן פער יאר. מיט מער ווי 150 אפטיקס פירמעס אין די פינגער לעיקס ראיאן, די פראיעקט וועלכע וועט העלפן מיט די וואקסנדע פארלאנג פאר עמפלוימענט אין די אפטיקס סעקטאר. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 2.7 מיליאן דאלאר**
- **מאהאנק פרעזערוו, אינק. - די בראק פארמהויז פראיעקט (מיד-הודסאן) - 250,000 דאלער ESD גרענט:** מאהאנק פרעזערוו וועט איבערמאכן א היסטארישע פארמהויז לאקירט אין א פאפולערע סצעניק לאנדשאפט און טרעיל נעטווארק און עס איבערפרישן פאר אדאפטיווע איבערנוצונג אלץ א קאנזערוועטיווע סייענס צענטער און די סייט פון זייער נייע הויפטקווארטירן אין די טאון פון ניו פאלץ, אולסטער קאונטי. די איבערמאכונג, צוזאמען מיט אן אפסייט ערד מאונט זון אויסלייג אינסטאלירונג שטעלט צאם די ערשטע פאזע פון א מולטי-יאר פראיעקט צו פארבעסערן קאנזערווירונג, רעדוצירן קארבאן עמישענס און צוגעבן צו טוריזם. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 1.8 מיליאן דאלאר**
- **סאלדזשער אן, אינק. - קאפפער ווילעדזש (מאוהאק וואלי) - 2.5 מיליאן דאלער גרענט:** סאלדזשער אן, אינק. איז א פריוואטע נישט-פאר-פראפיט ארגענאזאציע איבערגעגעבן צו ענדיגן וועטעראן היימלאזיקייט. זיי וועלן זיך צאמשטעלן מיט Pennrose NY LLC און מענטשליכע טעכנעלאגיעס קארפארעישן אויף די קאפפער ווילעדזש פראיעקט, אן 11 עיקער געמישטע באנוץ דאוועלאפמענט סייט נעבן די ערי קאנאל וואסערפראנט דיסטריקט אין רוים. קאפער ווילעדזש וועט פארשטעלן 250 עפארדעבל וואוינונג יוניטס פאר פארשידענע דעמאגראפיקס אריינעמענדיג שוואכע פארדינער, פארדעם היימלאז, דיסעיבלד און וועטארענס, א נייע קאמערציאלע דיסטריקט מיט פובליק וואסערפראנט פלאזא עקסעס און א נייע קינדער קעיר פאסיליטי. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 6.8 מיליאן דאלאר**
- **דזשויס טיעטער פאונדעישען, אינק. - ניו יארק צענטער פאר קריעטיוועטי און טאנץ (ניו יארק סיטי) - 3.5 מיליאן דאלער ESD גרענט:** די דזשויס טיעטער פאונדעישען ("די פאונדעישען") איז א פירנדע פרעזענטירער פון טאנץ אין ניו יארק סיטי און נאציאנאל. די פאונדעישן פארמאגט א זיבן שטאקיגע בנין וועלכע האלט אירע ניו יארק צענטערן פאר קריעטיוועטי און טאנץ אין די

מזרח ווילעדזש שכינות פון מאנהעטן וועלכע זיי וועלן איבערבויען צו מאכן א מער שיינעדיגע פלאץ גוט פאר פראקטיצירן טאנץ סטודיאס און קלענערע פארשטעלונגען, פארלייגנדיג ביז 13 עפארדעבל פלעצער פאר הונדערטער נישט-פראפיט טאנץ פירמעס, מוזיקאנטן, קליענטן, און צאמגעשטעלטע ארטיסטן. די לאקאציע איז א פריערדיגע אינגל קלאב לאקאציע וועלכע האט זיך צוגעמאכט אין 2022 און די פאונדעישן איז קאמיטעד צו זיכער מאכן אז די בנין בלייבט א לאנג-טערמיניגע פאוקוס פון געמיינדע ענגעידזשמענט ביזדערווייל אויסברייטערענדיג זייער פראגראמירונג און איבערגעגעבן צו גרין בויען פראקטיסעס. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 22.5 מיליאן דאלאר**

- **צפון קאנטרי קינדער מיוזיום - עקזיביט פאבריקאציע און אינסטאלאציע (נארט קאנטרי) - 155,200 דאלאר ESD גרענט:** די צפון קאנטרי קינדער מיוזיום, לאקירט אין פאטסדאם, ניו יארק'ס היסטארישע דאונטאון דיסטריקט, וועט פאבריצירן זעקס נייע, אינטעראקטיווע STEAM עדיוקעישענל עקזיביטס פאר איר צווייטע שטאק אויסשטעל פלאץ. די נייע עקסהיביטס ענטהאלטן: סווארצענטרובער אמיש היים עקזיביט, פיזיקס טרעיל, מעיפל וואלד קריכער מיט STEAM אינטעראקטיווס, קינדער סטעידזש טיאטער, מוזיק און קול לעב, און פאמילע ריסאורס שטוב/אינפענט שפיל פלאץ. **סך הכל פראיעקט קאסטן: $776,000**
- **אסאסיאציע פאר זע-קראפט ריהעבילעטאציע און ארבעט, אינק. - AVRE פרודוקציע פארברייטונגען (דרום טיער) - 200,000 דאלאר ESD גרענט:** אסאסיאציע פאר זע-קראפט ריהעבילעטאציע און ארבעט, אינק. (AVRE) וועט אויסברייטערן און פארבעסערן זייער פרודוקציע אפאראטן און פאסיליטי פלאצירט אין דאונטאון בינגהעמטאן. די פארברייטערונג און פארבעסערונגען וועלן שטיצן פארמערטע פלאץ פאר פאפיר פראדוקציע און ערלויבן די AVRE צו פארזעצן צו פארשלאגן זע-קראפט ריהעבילעטאציע סערוויסעס פאר בלינדע און באגרעניצטע זע-קראפט אינדיווידואלן פון אלע עלטערס לענגאויס די דרום טיער. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 1.8 מיליאן דאלאר**
- **גרעיקליף קאנזערוואציע, אינק. - פרענק לאויד רייט'ס גרעיקליף באזוכער צענטער אויסברייטערונג (מערב ניו יארק) - 1 מיליאן דאלאר ESD גרענט:** גרעיקליף איז א פרענק לאויד רייט-דעזיינט שטח אויף לעיק ערי אין דערבי, ניו יארק וואס דינט ווי אן ארקיטעקטורעל טוריסט אטראקציע. גריעקליף קאנזערוואנסי וועט פארברייטערן זייער באזוכער צענטער צו מער ווי דאפלט פון די יעצטיגע מאס צו אקאמאדירן באזוכער און פראגראמען דורכאויס די יאר. די נייע פלאץ וועט ווערן גענוצט פאר טוישנדע עקזיביטס, ווארקשאפס, לעקציעס, פרעזענטאציעס, ספעציעלע אווענטן און מיטינגן. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 5.3 מיליאן דאלאר**

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ביז היינט, דורך די REDC איניציאטיוו, איז מער ווי $8 ביליאן שוין געווארן געשאנקען צו מער ווי 9,900 ארבעט שאפונג און געמיינדע אנטוויקלונג פראיעקטןביישטענדיג מיט יעדע ראיאן'ס סטראגעגישע פלאן.

**איבער די קאַנסאַלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**

דער קאַנסאַלידעיטעד פאָנדינג (Consolidated Funding Application, CFA) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפּלייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. דער CFA (Consolidated Funding Application) פראצעס צייכנט אפ א פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם אופן וואס סטעיט רעסאָרסן ווערן אלאקירט, פארזיכערנדיג וויניגער ביוראקראטיע און מער ווירקזאמקייט צו ערפילן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געברויכן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א שטיצע מעכאניזם צו האבן

צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קוועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA דא.

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**

די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וואס באשטייען פון לאקאלע עקספערטן און פארמישטע קערפערשאפטן פון ביזנעס, אקאדעמיע, לאקאלע רעגירונג און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסניי אנגעדייטעט דעם אופן וויאזוי ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט שטיצע-מיטלען. לערנט מער אויף regionalcouncils.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן